

# ירידת הדורות

## דער מושג, די מקורות, און דער באדייט

### חלק ד' ואחרון

הרב יצחק לאווי

## די פיר קשיות

אין דעם ערשטן חלק פון דער סעריע, האבן מיר אראפגעלייגט פיר קשיות וואס מען דארף ענטפערן כדי צו קענען רעדן קלאר וועגן דער נושא פון ירידת הדורות. די ערשטע שאלה איז, וואס איז דאס בכלל דער געדאנק פון ירידת הדורות? ארום דער שאלה האבן מיר בעיקר געשטעלט אונזער שמועס אין די פריערדיגע חלקים. אין חלק א' האבן מיר גערעדט אויב דאס איז אן ענין טבעי אז די מענטשן ווערן שוואכער בגוף, אדער בנפש, אדער בשכל. אין חלק ב' האבן מיר גערעדט וועגן דעם ענין פון חכמת ומסירת התורה וואס שפעטערדיגע דינגען זיך נישט געוועגליך אויף פריערדיגע והמסתעף. און אין חלק ג' האבן מיר גערעדט פון דער חכמה זעלבסט, אויב זי ווערט בכללות שוואכער אדער דווקא מער אנטוויקלט.

אין דעם איז שוין נכלל געווען אביסל פון דער צווייטער שאלה: פון וועלכער תקופה אדער תקופות רעדט מען דא? אין דער שאלה קען מען אויך כולל זיין א וויכטיגע שאלה וואס מיר האבן דערמאנט דארט: וויאזוי קען דער ענין פון ירידת הדורות שטימען מיט דעם ענין פון התגלות דרך הקבלה והבעש"ט וואס מען הערט אסאך מאל לשונות אז עס איז א גילוי וואס איז נישט געווען פריער. מיט דעם ענין וועלן מיר אנפאנגען אין דעם חלק, וואו מיר וועלן ווייזן אז די שטימונג פון דרך החסידות איז נישט אין איינקלאנג מיט דעם געדאנק פון ירידת הדורות.

פון דעם וועלן מיר צוקומען צו מסכם זיין וואס די שטימונג פון דעם געדאנק פון ירידת הדורות איז, און וואס דאס וועט אונז צוהעלפן למעשה אז מיר וועלן פארשטיין דעם מקור דערפון און וואספארא חילוק עס קען מאכן אין אונזער לעבן למעשה אז מיר וועלן דאס אויפהערן צו גלייבן.

די אלע חלקים זענען געווען דורכגעפלאכטן כסדר מיט שאלה ד': וואס זעען מיר אין די מקורות פון חז"ל און ספרים הקדושים איבער דעם ענין? מיר וועלן צוענדיגן די סעריע מיט א וויכטיגע פאר מקורות פון חז"ל, וואו מען זעט אז עס איז נישטא קיין סיבה צו טראכטן אז היינט מוז זיין ערגער ווי אמאל.

# דער בעש"ט איז געווען גרעסער פון די פריערדיגע דורות

"היו היה דבר השם ביד הבעל שם ויגזור אומר ויקם, אחד היה ומהקדמונים לא קם כמוהו ואחריו על עפר מי יקום." מיט דער לשון פארענטפערט זיך ר' מענדלי וויטעבסקער ("פרי הארץ" מכתב י"ט) אויף דעם וואס ער וויל נישט צוזאגען קיין מופתים אזויווי זיינע חסידים האבן געוואלט און געהערט דערציילן פון דעם בעל שם טוב און אנדערע רבי'ס. איך ווייס נישט וועלכע קדמונים ער מיינט צו מדייק זיין אז דער בעש"ט איז געווען גרעסער פון זיי, אבער דאס איז זיכער אז ער לייגט דא אראפ דעם בעש"ט אלס א וואונדערליכע ערשיינונג וואס איז שוין נישט געווען אסאך דורות.

אן ענליכער לשון שרייבט דער ליובאוויטשער רבי, דער "צמח צדק", רעדנדיג פון מופתי הבעש"ט ("ספר החקירה" דף סה עמוד א), "הבעש"ט אשר כמוהו לא היה מימות הראשונים." אין די מאמרים פון דער בעל התניא טרעפן מיר א קלארערן לשון (מאמרי אדמו"ר הזקן הקצרים עמ' תקלא), "כי נודע מה שהעיד הרב המגיד ממעזריטש ז"ל עליו שאם היה בימי התנאים היה פלאי ממיוחדים שבתנאים. כי רוב התנאים בבריאה כי משנה ביצירה והתנא בעל המשנה בבריאה, ולו היה נשמה מאצילות כמו המיוחדים שבתנאים." דא זעען מיר א קראנטע שמועה פון דעם בעל התניא בשם דעם גרויסן מגיד אז דער בעל שם טוב האט געהאט אזא מדריגה וואס איז גרעסער פון רוב תנאים. און ער איז מסביר פינקטליך די מדריגה וואס דאס מיינט.

דער "תפארת שלמה" שרייבט (פרשת יתרו ד"ה ויקח יתרו), "כמו שהורה לנו הבעש"ט זי"ע והפליא עצה והגדיל תושיה מכל הדורות שלפניו לרומם כבוד הבורא להרבו' תלמידים להורות להם דרכי הקדושה וטהרה בתורה לשמה והכנת התפלה כאשר עינינו רואות מכל צדיקי הדור תלמידי תלמידיו אשר מפיהם אנו חיים וכל הדבוקי' בהם יצליחו ויעשו פרי."

דער סקווערער רבי ר' יעקב יוסף ז"ל האט נאכגעזאגט פון ר' וואלף קיציס, תלמיד הבעש"ט, אז טאמער דער בעל שם טוב וואלט געווען בזמן הראשונים וואלט ער געווען א ראשון, טאמער וואלט ער געווען בזמן האמוראים וואלט ער געווען אן אמורא, טאמער וואלט ער געווען בזמן התנאים וואלט ער געווען א תנא, און טאמער וואלט ער געווען בזמן האבות וואלט ער געווען איינער פון זיי, און מען וואלט געזאגט אלקי אברהם וכו' ואלקי ישראל ("לוח מעגל השנה" סקווירא, עמ' 228).

# תלמידי בעש"ט וואס זענען געווען גרעסער פון פריערדיגע

די סארט הפלגות אויף פריערדיגע דורות טרעפן מיר נישט נאר אויף דעם בעש"ט אליין, נאר אויך אויף אנדערע צדיקים מתלמידיו וממשיכיו טרעפן מיר ווי זייערע תלמידים האבן זיך אזוי אויסגעדרוקט. איך בין דא מעתיק וואס איך האב געטראפן.

ר' הערשעלע זידיטשובער האט געזאגט אז א רבי ווי דעם רבי'ן ר' אלימלך איז נישט געווען פון די צייטן פון תנאים ואמוראים ("נפלאות הרבי" אות שנ"ב).

דער צאנזער רב האט געזאגט אז פון אברהם אבינו איז נישט געווען קיין מענטש וואס האט געמאכט סיגופים אזויווי דער רבי ר' אלימלך (ספר "אורח לצדיק", חלק בית אלימלך אות מא בשם האדמו"ר מקלויזנבורג).

ר' איציקל סטיטשינער האט געזאגט אז דער רבי ר' אלימלך איז ביי אונז ווי ר' שמעון בר יוחאי ("החכמה מאי"ן" עמ' יז).

דער חידושי הרי"ם האט געזאגט אויף דעם קאצקער רבי'ן אז טאמער וואלט ער געווען בזמן התנאים וואלט ער געווען א תנא.

ר' פייבל גריצא האט געזאגט אויף זיין רבי'ן ר' איציקל ווארקער אז ווען ער וואלט געווען בזמן האמוראים וואלט ער געווען א תנא, ווען ער וואלט געווען בזמן האמוראים וואלט ער



געוועזן אן אמורא, און ער האט געקענט לערנען אזיוויי דער רי"ף און דער רמב"ם (בשם ה"ישמח ישראל", בספר "הרבי ר' בונם" עמ' קצב).

ר' נפתלי חיים דזיקובער האט געשריבן אויפ'ן צאנזער רב אז "היה לפלא בעיני התנאים ואמוראים" ("החכמה מאי"ן" עמ' מט).

## אור התחדשות העתיד

די אלע נוסחאות, און נאך וואס איך האב נישט געטראפן לע"ע מקורות צו ברענגען, זענען נישט נאר הפלגות פון התפעלות וואס תלמידים האבן לגבי זייער רבי'ן (הגם דאס איז אויך אוודאי דא און מען קען אפשר נישט מדייק זיין פינקטליך פון די לשונות), אבער זענען אויך מבטא אן אמת'ן געדאנקענגאנג פון חסידות אז די מדרגה אין צדקות און מופתים און גילוי התורה וואס דער בעל שם טוב האט אראפגעברענגט שטייט העכער פון דער תורה און צדקות פון אסאך דורות פריער.

למעשה שטאמט דער געדאנקענגאנג שוין פון דער התגלות הזוהר און קבלה וואס דער בעש"ט האט געפילעוועט. דער ספר הזוהר אליין זאגט אין עטליכע ערטער (ואכ"מ להאריך בזה) אז זיין התגלות איז אן ענין פון התגלות התורה וואס האט נישט געקענט ווערן מגולה ביז דעם דור פון מלך המשיח. דאס הייסט אז דער זוהר קוקט אן די עמקות אין תורה וואס ער איז מגלה ווי א זאך וואס איז קלאר נישט געווען פריער, און אפילו די פריערדיגע חכמים און גדולים האבן דאס נישט געהאט.

דאס זעלבע דער אריז"ל וואס האט מגלה געווען אין דעם זוהר אליין עומקים און חידושים שלא שמען אוזן מעולם, האט זיך שוין אליין מתייחס געווען צו דעם און האט קלאר געזאגט אז אפילו די מקובלים הראשונים האבען נישט מגלה געווען און ארויסגעהאט קלאר די חכמה אזיוויי ער (ראה הקדמה ל"עץ חיים"). און ער איז מסביר על פי הקדמות הזוהר אז דאס איז צוליב דער התחדשות אור של משיח וואס ווי מער די דורות ווערן נענטער צו דעם, ווערט די התגלות דווקא טיפער און שטערקער און קלארער.

אין א שטיקל וואס ווערט געברענגט און באארבעט אסאך אין חסידישע ספרים ("שער הגלגולים" הקדמה לח), פרעגט אים זיין תלמיד ר' חיים וויטאל וויאזוי עס קען זיין אז ער זאגט אים אז זיין נפש האט אזא הויכע מדרגה, בשעת וואס ער ווייסט אז "הקטן שבדורות הראשונים היה צדיק וחסיד שאין אני מגיע לעקבו." און דער אריז"ל האט אים געענטפערט אז ווייבאלד בזמן הזה איז דא אזא התגברות הקליפה, זענען זיינע מעשים מער חשוב ווי גרעסערע מעשים בדורות הראשונים וואס זענען אנגעקומען גרינג, "ולכן שלא אצטער על זה כלל, כי בלי ספק יש לנפשי מעלה גדולה על כמה צדיקים הראשונים מזמן תנאים ואמוראים." הגם דער אריז"ל'ס תירוץ גיט אביסל נאך צו דער טעזע פון ירידת הדורות, און פארענטפערט עס נאר ווייל לפום צערא אגרא, פארשטיין מיר אז למעשה זאגט ער דא אז ר' חיים וויטאל האט א נשמה וואס איז גרעסער פון תנאים ואמוראים. יהיה מה שיהיה התירוץ זעען מיר אז דער כלל פון ירידית הדורות איז דא נישט גילטיג נאר להיפך (ויש להעמיק בזה עוד ואכ"מ).

דער געדאנק אז היינט איז גאר בעסער פון אמאל, און מיר ברויכן דאנקען דעם אויבערשטן און זיין צופרידן אז מיר זענען געבוירן היינט און נישט אמאל, הילכט אפ דאס שטערקסטע אין דעם ווארט פון ר' פנחס'ל קאריצער, וואס זאגט אז ער דאנקט דעם רבוש"ע יעדן טאג אז ער איז געבוירן געווארן נאך דעם וואס דער זוהר הקדוש

איז נתגלה געווארן, וויבאלד דאס האט אים געהאלטן ביים אידישקייט. נאך זאגט ער אז ער פארשטייט דעם אבן עזרא און אנדערע ראשונים וואס האבן כופר געווען אין פארשידענע זאכן, וויבאלד זיי האבן נעבעך געלעבט אין אזא פינסטערער צייט וואס איז געווען ווייט סיי פון דער גילוי פון זמן הבית און סיי פון דעם אור של מלך המשיח, ממילא האבן זיי געטראכט לפי שכלם. אבער היינט זענען מיר שוין נענטער צו משיח לעבן מיר אין א מער לעכטיגערער צייט פון זיי.

אין ספר "נועם אלימלך" (פרשת וישב ד"ה וישב יעקב) שרייבט דער רבי ר' אלימלך:

ששמעתי משל מתוק מפי אדומ"ו הרב המגיד דק"ק ראוני זלה"ה והוא שאנו רואים שכעת אשר אנחנו בגלות המר יש בני אדם שזוכים לרוח הקודש בקל יותר מבימי הנביאים שהיו צריכין השבעות והתבודדות רב כידוע כדי שישיגו הנבואה ורוח הקודש. ואמר משל נפלא ומתוק למשל המלך שהוא במקום כבודו בביתו בחצירו בפלטין שלו ויבא איזה אוהב המלך וירצה להזמינו לסעודתו לביתו אזי בוודאי יכעוס עליו המלך כי אין זה כבוד של מלך לצאת מפלטין שלו לבית אחרים גם אם יהיה הסעודה גדולה עד למאוד. ובלתי אפשרי שיזמין את המלך לביתו עד שיכין כל הכנות ויעמיד מליצים ופרקליטין גדולים שימצא חן בעיני המלך שיבא לסעודתו. אבל כשהמלך נוסע בדרך ורוצה ללון בדרך אזי כאשר ימצא מקום נקי באכסניא נקי אף אם בית המלון הוא בכפר אם הוא רק נקי אזי זה בית מלונו ללון שם. והנמשל מובן ממילא בזמן שבית המקדש קיים והיה שכינת כבודו בבית קדשי הקדשים, אזי אם היה אדם רוצה לשאוב רוח הקודש או נביאות היה צריך עבודה גדולה, כמו שמצינו בשמחת בית השואבה ששם היו שואבים רוח הקודש. אבל עתה בגלות המר, הגם השכינה קדושה גלתה עמנו ובעוונותינו הרבים היא נע ונד בארץ ותשוקתה מאוד מצוא מקום דירה לשכון בה. ואם מצאה מנוח מקום נקי אדם שהוא רק נקי מעבירות וחטאים אזי שם היא דירתה ודפח"ח. וזהו הפעם יזבלני כו' לשון דירה דהיינו בגלות המר יהיה לה דירה להשכינה.

דא זעען מיר אויך א סברא אז דווקא וויגן עס איז היינט נישטא קיין בית המקדש איז דווקא גרינגער צו משיג זיין רוח הקודש.

דער "בני יששכר" שרייבט אין מאמרים פון חנוכה אז די סיבה פארוואס אין שפעטערדיגע דורות בזמן תלמידי הבעש"ט האט מען אנגעהויבן מער צו מאכן אן עסק פון חנוכה, וואס מיר זעען נישט אין פריערדיגע ספרים, אפילו אין זוהר און כתבי אריז"ל, אז חנוכה זאל זיין אזא גרויסער ענין, איז וויבאלד חנוכה האט א שייכות מיט אורו של משיח, און חסידות איז דאס, ממילא האבן די חסידים דאס שטערקער מגלה געווען.

## ברית מנוחה: דורות אחרונים גדולים מן הראשונים

פון די אלע מאמרים און פתגמים וואס מיר זעען דא קען מען זען קלאר אז דער רוח וואס שפירט זיך אין ספרי חסידות וקבלה און אין סיפורי חסידות וקבלה, איז נישט איינשטימיג מיט ירידת הדורות אז היינט איז אלעס שוואכער פון אמאל, נאר פארקערט, מיר לעבן אין א הויכן לעכטיגן זמן וואו עס ווערט אלעס בעסער פון אמאל. די טעאריע פון דעם איז אבער נישט אייניג, און מיר האבן געזען פארשידענע פרטים און מהלכים וויאזוי זיי זאגן דאס. איין טעאריע דאס מסביר זיין האבן מיר שוין געזען אז דאס איז אן ענין פון דער התגלות פון משיח. דאס איז ווי דעם צווייטן צד פון דער מטבע פון דער טעאריע וואס מיר האבן געברענגט אין חלק ג' אז ווי עס איז א דור ווייטער פון משה רבינו ווערט אלס שוואכער, אויב אזוי קומט אויך אויס אז ווי נענטער מען ווערט צו משיח ווערט אלס בעסער.

מערקווירדיג איז אבער צו ברענגען נאך א טעאריע וואס ווערט דערמאנט אין ספרי קבלה וחסידות, וואס לויטעט גאר אז דער סדר הטבעי איז נישט ירידה תמידית, נאר ווי א מעגל, א

צירקל. קודם זענען די דורות גרויס, נאכדעם פאלן זיי, און דערנאך, די גאר שפעטסטע דורות, קומען צוריק למעלת הראשונים און נאך מער.

דעם געדאנק טרעפן מיר צום ערשט אין דער קבלה ספר "ברית מנוחה", וואס ער שרייבט אזוי: "ובזה תוכל להשיג עוצם גבורות אלקיך ונפלאות, יותר ממה שהשיגו הקדמונים בחכמתם הגדולה. כי זה אמת דורות הראשונים לעולם חכמתם שהם היו חכמים מחוכמים, דורות האמצעים אינם כל כך, אחרונים חכמים מן הראשונים. וזה לפי טבע ולפי יצירת העולם, כמו שהגלגל חוזר והראשונים שעולים מלאים והאמצעים שופכים והאחרונים שואבים ונגולים."

רבי שלום תאומים, א תלמיד פון דעם רבי'ן פון לובלין, האט געשריבן א טיפן פירוש אויף דעם ספר ברית מנוחה וואס הייסט "עבודת יום הכיפורים". אין דער הקדמה נעמט ער דעם געדאנק און לייגט דאס ארויף אויף דעם ענין פון תלמידי בעל שם. וז"ל: "דעו לכם, שמה שאמרו ז"ל אם ראשונים כבני אדם אנו כחמורים, והלואי כחמורו של ר' פנחס בן יאיר, זה היה עד ימות של בוצינא קדישא בעש"ט שהאיר ה' אורו ממזרח, אבל משם והלאה נתקיים בנו מאמר ז"ל במסכת שבת (קד עמוד א) שאמרו אתי דרדקי בי מדרשא ואמרי מילי דאפילו בימות יהושע בן נון לא אתאמר כוותייהו."

דער שטיקל ברית מנוחה ווערט אויך געברענגט אין ספר "אור לשמים" פון ר' מאיר'ל אפטער פרשת תצוה, און אין ספר נועם אלימלך אנפאנג פרשת בהר, וז"ל: "לכך לא נאמר ומסרוה, אלא לימד להם התורה כפי כחם לקבל דור אחר דור תשו כחם, ולא נאמר בהם לשון מסירה, והדר אצל נביאים לכנסת הגדולה נאמר לשון מסירה, שכך הוא הדרך הטבע שדבר היוצא בטבעו לסוף הדבר ההוא נתעלה ועולה למעלה, כמו הגלגל הדבר שהוא למטה אותה הדבר בעצמו חוזר ומתעלה."

## דער רבי ר' בונם: די פנימיות ווערט בעסער

אין פריערדיגע מאמרים האבן מיר געזען א געדאנק וואס איז גאנץ נפוץ ביי לעצטיגע ספרים, און מען קען טרעפן א מקור דערצו אין דער גמרא אין מס' ברכות (דף ו'), אז דער חילוק פון ראשונים און אחרונים איז נישט אין לערנען נאר אין מסירות נפש. דער געדאנק אז טראץ וואס אין ענינים פון תורה, חכמה און הבנה שטייען מיר היינט בעסער ווי פריערדיגע דורות, און עס איז אפשר אפילו שייך צו זאגן א כלל אז דאס ווערט כסדר בעסער, אף על פי כן, דאס הארץ, די ערנסטקייט שבלב, די יראת שמים, וכדו', ווערט אלס שוואכער, און אויף דעם ווערט געזאגט דער עיקר געדאנק פון ירידת הדורות.

עס איז אבער דא אינגאנצן א פארקערטער מהלך. מיר האבן שוין געזען אז דער "דרשות הר"ן" נעמט אן אז אוודאי דורות אחרונים קענען זיין צדיקים פונקט ווי דורות הראשונים, וויבאלד דאס איז דאך א זאך וואס איז תלוי בבחירה, נאר אין חכמה איז די טבע אז עס מוז ווערן שוואכער, און אפילו אז איינער איז א צדיק איז ער נאכאלץ משועבד צו דער טבע. דער זעלבער געדאנק האב איך געטראפן אין "ספר חסידים" (אות תתקמה), וואו ער איז מחזק א מענטש זאל נישט פאלן ביי זיך אז ער איז נישט אזוי קלוג ווי אין פריערדיגע דורות, ווייל דער עיקר איז דאס הארץ. וז"ל: "הקיש קלים כשמתכונים לשם שמים לצדיקים, שאצל הקב"ה לב שאינם פקחים בדורות האחרונים כפקחים בדורות הראשונים, שאם לא תאמר כך יוכל כל דור לומר, למה לא נבראיתי בימים הראשונים שהיו חכמים גדולים, והייתי לומד תורה הרבה."

דער ספר חסידים איז געבויט כסדר אויף דעם כלל פון 'רחמנא ליבא בעי', וואס לויטעט אז ביים באשעפער איז נישט וויכטיג וויפיל כשרון א מענטש האט נאר וויפיל ער וויל אין זיין הארץ. לויט דעם זאגט דער ספר חסידים איז א דבר פשוט אז אפילו בדורות האחרונים וואס עס איז אפשר דא א ירידה אין כשרון, קען מען נאכאלץ וועלן און שטרעבן פונקט ווי בדורות הראשונים, און דאס איז דאך פונקט אזוי חשוב ביים רבוש"ע.

דער דרך החסידות פון בעש"ט האט — אזוויי דער חסידות פון ספר חסידים — בעיקר מדגיש געווען דעם ענין פון רחמנא ליבא בעי. איז אויב אזוי מסתבר אז חסידות זאל גיין אויפן זעלבן מהלך, אז דאס הארץ פון דורות האחרונים וועגט איבער דעם מוח פון דורות הראשונים. ר' צדוק

הכהן פון לובלין ברענגט אז ער האט געהערט פון זיין רבי'ן דער איזביצער בשם דעם רבי'ן ר' בונם אזוי ("פרי צדיק" ואתחנן אות כא, ושם ויחי אות א, כי תבא אות טז): "... ששמעתי מרבינו הקדוש זצ"ל שאמר בשם הרבי ר' בונם זצלה"ה שאמר שאף שהדורות המוחות מתמעטין בכל פעם אבל נקודת החיים שבלב מתרחב תמיד ונעשה מזוכך בכל פעם בגלות יותר. ואמר רבינו הקדוש שהיה לו זה לדבר חדש כששמעו בפשיסחא ואחר כך מצא הדבר מפורש בכמה דוכתי ולא פירש לן איה מקומן."

דער רבי ר' בונם זאגט אז נישט נאר דורות האחרונים קענען האבן אזא הארץ ווי דורות הראשונים, נאר אדרבה די נקודה שבלב ווערט מער און מער מזוכך ווי מער די דורות ווערן שפעטער. און דער איזביצער האט געזאגט אז בשעת ער האט דאס געהערט איז דאס אים געווען א חידוש, אבער שפעטער האט ער דאס געטראפן מפורש. ר' צדוק זאגט אז ער האט נישט געזאגט וואו, אבער לכאורה איז דער שורש דערפון דאס ווארט פון אריז"ל וואס מיר האבן פריער געברענגט, און באופן כללי דער געדאנק פון אריז"ל אז די ניצוצות ווערן כסדר מתברר, וואס על פי חסידות איז דאס טייטש אז די נקודה שבלב ווערט כסדר קלארער.

## הרב קוק: די וועלט ווערט פארבעסערט

למעשה אז מיר קוקן ארום אין דער וועלט, זעען מיר אז חוץ די גרויסע אנטוויקלונג פון וויסנשאפט און אנדערע חכמות בדורות האחרונים, איז דא אויך א גרויסער התפתחות אין דעם ענין פון מאראל. יעדער איינער וואס לערנט היסטאריע זעט אז די אמאליגע מלחמות זענען געווען פיל מער בארבאריש ווי היינט. אין דער היינטיגער וועלט איז עבדות, צום ביישפיל, א דבר מופרך לגמרי, אין דער צייט וואס אמאל איז דאס געווען א דבר פשוט. און בכלל אין אלע ענינים פון בין אדם לחבירו און בין מדינה למדינה הערשט דער געדאנק אז מען דארף זיך אויפפירן מער



מענטשליך און זיך רעכנען מיט א צוויטן, אים געבן זיין פרייהייט וכו', אויף א מדרגה וואס איז אמאל בכלל נישט געווען. הגם מען קען אודאי קריטיקירן פארשידענע קלקולים וואס זענען דא אין דעם, איז נישט קיין ספק אז באופן כללי זענען דא אסאך ווייניגער רציחות וכדו' אויף דער וועלט היינט ווי אמאל. פון די איינציגסטע גדולי ישראל וואס האבן זיך דערוייל מתייחס געווען צו אט דער אנטוויקלונג איז המקובל הצדיק ר' אברהם יצחק הכהן קוק ז"ל, מרא דארעא דישראל. אין עטליכע ערטער איז ער מסביר דער ענין בשורשו, און איך וועל מעתיק זיין עטליכע שורות.

בימים הראשונים היה השכל הכללי של האנושיות פחות מפותח, וחפצו היה גם יותר ברברי. אז היה החזון האלקי כולו נועד לדחות את השכל הסורר, המשועבד רק להחפצים הבהמים בכללות החברה האנושית, ולדחוק תמיד את החפץ הטבעי, שהיתה התעוררותו יותר מכוונת לקראת הכיעור והחטא. התבסמות העולם על ידי כל המשך הדורות, על ידי ביסום היותר עליון של גילויי השכינה בישראל, ועל ידי נסיונות הזמנים, התגדלות היחש החברותי, והתרחבות המדעים, זיקקה הרבה את רוח האדם, עד שאף על פי שלא נגמרה עדיין טהרתו, מכל מקום חלק גדול מהגיונותיו ושאיפת רצונו הטבעי הנם מכוונים מצד עצמם אל הטוב האלקי.

באמת זעען מיר שוין דעם מהלך אין דעם רמב"ם, וואס שרייבט אין הלכות מלכים אז די אנדערע רעליגיעס זענען א וועג פאר משיח, ווייבאלד זיי זענען מפרסם אמת'ע דעות און

הנהגות ביי דער גאנצער וועלט. אין עטליכע ערטער אין "מורה נבוכים" צייכנט דער רמב"ם זיין התפעלות ווי נאריש די אמאליגע געצנ-דינער זענען געווען, און וואסארא עוולות זיי זענען באגאנגען, וואס שוין בימיו איז דאס געווען אפגעפרעגט אפילו ביי די גוים. זעהט מען דא אויך אז דער כללות העולם ווערט למעשה בעסער אפילו אין ענינים פון אמונה און מוסר, אז זיי דערנענטערן זיך צו דער ריכטיגער אמונה און בעסערער התנהגות, הגם עס איז נאכנישט קיין תיקון השלם.

## ר' נחמן: דער אויבערשטער פירט היינט שענער די וועלט

אין די לעצטע דורות האט זיך שטארק מתגבר געווען דער פארשריט פון טעכנאלאגיע, און בעלי שיטת ירידת הדורות זוכן וועגן וויאזוי ממעט צו זיין אין דעם און מסביר זיין אז דאס איז דווקא א ירידה אד"ג.

דער רבי ר' נחמן ברסלבער האט אבער אנדערש געהאלטן, און האט בפירוש זיך מתנגד געווען צו די וואס באקלאגן אויף דעם. ווי עס שטייט אין שיחות הר"ן אות ש"ז:

לענין מה שדרך העולם לומר בכל שנה ובכל עת שעכשיו אינם עתים טובות, ובשנים הקודמים היה טוב יותר וכו'. כידוע שיחות כאלו בין רב העולם, דברנו עמו מזה הרבה. ורב השיחה היה שספרו לפניו הרבה שבימים הראשונים הטובים היה הכל בזול גדול הרבה יותר משל עכשיו. כי לא היה אז נגידים ועשירים גדולים כמו עכשיו. ומה שמוציא עכשיו בעל הבית פשוט ואפילו מקבל חשוב הוא יותר מההוצאות של הנגידים, שבשנים הקודמים כידוע ומפורסם כל זה. ענה ואמר: הלא אדרבא, השם יתברך מנהיג עתה העולם יפה יותר מקדם! ואמר בזה הלשון "אדרבא דער אייבערשטער פירט היינט שעניר דיא וועלט."

ביי חסידי ברסלב איז מקובל פארשידענע נבואות וואס ר' נחמן האט פאראויסגעזאגט אויף טעכנאלאגיע, וואס דאס איז א סימן פון דער גאולה.

רבי יאנקעלע פון פשעווארסק ז"ל ברענגט פון ציעשינובער רב, אז פונקט ווי היינט פארט מען אסאך שנעלער מיט דער באן, פונקט אזוי קען מען היינט אסאך שנעלער תשובה טון. און ר' יאנקעלע פירט אויס, "שטעל זיך פאר היינט מיט אן עראפלאן"... (כתבי קודש פשעווארסק)

## למעשה: לאמיר זיין אפטימיסטיש

מיר האבן טאקע געזאגט אז ירידת הדורות קען מיינען פיל זאכן, און מיינט באמת פיל זאכן, א חלק ריכטיגער פון אנדערע. דאך זעען מיר אז די וואס נוצן זיך מערסטנס מיט דעם געדאנק, מאכן נישט דער חילוק, נאר אלעס ווערט ביי זיי צאמגעמישט אונטער דער רובריק פון "ירידת הדורות". אין אנדערע ווערטער, דער מציאות ווייזט אז עס מוז זיין עפעס א שנירל וואס שניידט דורך די אלע אנדערע געדאנקען פון "ירידת הדורות", א געוויסער מוט און שטימונג וואס פון דעם שפראצן ארויס די אלע פארשידנארטיגע טעאריעס, און וואס קומט ארויס פון זיי.



אויב דארף מען אנכאפן די שטימונג ביים קארג,

קען מען דאס אנרופן אין איין ווארט: פעסימיזם. אדער אויף דער מער היימישער שפראך: עצבות. דער כלל פון ירידת הדורות, וויאזוי עס זאל נאר מיינען, זאגט אלעמאל, "עס איז שלעכט און עס ווערט ערגער"; "אמאל איז בעסער געווען פון היינט." דער קוק איז א פעסימיסטישער קוק, עס זעט דאס שלעכטס וואס איז פאראן אין דער וועלט היינט. עס קוקט אן אלס א ירידה די פארשידנארטיגע שינויים וואס זענען געשען במשך דער צייט, איז דן לכף חובה, פעסימיסטיש, די שינויים, און ברענגט זיך אויף א סיוע די נאסטאלגיע אויף א גלארייכער אמאל ווען זאכן זענען כלומר'שט געווען בעסער. ווי דער חכם מכל אדם האט שוין געזאגט (קהלת ז,י): "אל תאמר מה היה שהימים הראשנים היו טובים מאלה כי לא מחכמה שאלת על זה."

פארשטיין מיר שוין פשוט פארוואס די שטימונג אין חסידישע ספרים און מעשיות איז נישט די שטימונג פון "ירידת הדורות". חסידות האט דאך געזוכט ווי מער מעגליך מדגיש צו זיין עבודת השם און אידישקייט בשמחה. שפראצט ממילא ארויס פון דעם אז זיי האבן וויניגער אנגעקוקט די וועלט פעסימיסטיש, און מער אנגעקוקט די וועלט אפטימיסטיש. וויבאלד חסידות האט געלערנט אז דער באשעפער און זיין וועלט זענען ביסודם גוט, און האבן געלערנט צו זען ווי מער די געטליכקייט און גוטס אין יעדער זאך, האט זי געלערנט צו לעבן אין א וועלט וואו עבודת השם איז נישט מקושר מיט א כסדר'דיגן עצבות אז אמאל איז געווען אזוי גוט און היינט איז אזוי שלעכט. נאר האט אנגעקוקט די וועלט ווי "לכתחילה אריבער". ווי דער תניא האט ארויפגעשריבן אויף דעם שער-בלאט פון זיין ספר: "כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו." מיר קענען און מוזן היינט אנקומען צו אלע מדרגות.

אפילו אויף וויפיל עס איז אמת אז עס איז היינט נישטא געוויסע זאכן פון אמאל, איז דאס א שוידערליכע טאקטיק דאס מדגיש צו זיין כסדר. וואספארא עבודת השם בשמחה קען דען ארויסקומען פון א גלויבונג אז אלעס איז שלעכט, און אז וויפיל מיר ווילן זיך מוטשען וועלן מיר נישט אנקומען אפילו אפס קצהו צו דער מדרגה פון אונזערע זיידעס? דאס הייסט אז ברגע וואס


תניא
והוא ספר
ליקוטי-אמרים
חלק ראשון
הנקרא בשם ספר של
בינונים
מלוקט מפי ספרים ומפי סופרים
קדושי עליון נ"ע מיוסד על
פסוק כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך
ובלבבך לעשותו
נדפס
בסלאוויטא

א מענטש הייבט נאר אן צו לערנען און טון גוטס איז מען אים שוין גלייך מייאש פון פאראויס. אפילו ווען ירידת הדורות וואלט געווען אמת, וואלט מען געדארפט מאכן א שווייג דערפון, און רעדן נאר פון די מעלות וואס איז היינט דא.

לערנענדיג אין א ליטווישער ישיבה האט מיד א חבר אנגעמערקט אז די אלע שמועסן וואס די ראשי ישיבות און משגיחים האבן דארט געזאגט, האבן אלע געהאט איין ניגון צו זיך - דער ניגון פון א הספד. אנשטאט זאגן שמועסן וואס מען קומט ארויס פון זיי מיט א שמחה און א ברען, מיט א התחזקות צו טון גרויסע זאכן, האט כמעט יעדער שמועס געהאט אין זיך א מעשה ווי אמאל איז אלעס געווען בעסער. מיר זענען נישט געקומען לערנען אין א בית לויות האט ער גע'טענה'ט, מיר זענען נישט געקומען לערנען היסטאריע אז אמאל איז געווען אזוי געוואלדיג.

שפעטער בין איך נתקרב געווארן צו הרב החסיד המפורסם ר' יצחק משה ערלאנגער שליט"א, מחבר קונטרסי 'חסידות' ועוד ספרים. פון אים האב איך דאס ערשטע געהערט דאס וואס איז מיר דעמאלט געווען א חידוש פלא,

אז עס זעט אים אויס אז דער היינטיגער דור איז גאר א געוואלדיגער דור, און שטייט בעסער אין תורה, עבודה, און אלע היניזיכטן, ווי פריערדיגע דורות וואס ער געדענקט און פון וועלכע ער האט געהערט. שפעטער האב איך שוין געטראפן אנדערע וואס ווייזן אז עס איז פשוט אזוי' היסטאריש, און די אלע מעשיות ווי אמאל איז יעדער פשוט'ער איד געווען אן עובד השם נפלא און א בקי בש"ס זענען פשוט געגומען דעם יוצא מן הכלל פון אמאל און געמאכט פאר דעם כלל. און איך האב אויך געזען אז אנדערע מנהיגים וואס געדענקען אפילו זאגן אויך אזוי.

לאמיר, אויב אזוי, אויפהערן טראכטן כסדר ווי קליין מיר זענען און וואספארא נידריגער דור מיר זענען, נאר לאמיר אנשטאט דעם טראכטן אז מיר קענען לפחות אזויווי אלע אנדערע דורות, און נאך מער א דאנק די געוואלדיגע מתנות פון חכמה און טעכנאלגיע וואס מיר פארמאגן היינט. לאמיר זיין א חלק פון דער רענאסאנס פון תורה וואס גייט פאר אין דעם היינטיגן דור, לאמיר זיך נישט שרעקן פון די 'אין לנו חלק', 'אין אנו בקיאין', 'אנן יתמי דיתמי', וואס שטעלט אפ יעדער פארשריט אין תורה ודעת, נאר זיך אנהייבן באנוצן מיט די כוחות וואס מיר האבן צו שטייגן ווייטער און ווייטער.

## דברי חז"ל נגד ירידת הדורות

לאמיר אויספירן מיט פיר הייליגע מאמרים



פון חז"ל וואס זענען אונז מחזק זיך צו פארמעסטן מיט די פריערדיגע דורות, און ווייזן אז אין יעדן דור איז דא די מעגליכקייט אנצוקומען צו אלעס.

ברוך המקום ברוך הוא שבחר בישראל מכל מעשה ידיו וקנה אותם קנין גמור וקרא אותם בנים ועבדים לשמו לפעמים הוא מדבר עמהם כמו שהוא מדבר עם הרבים ולפעמים הוא מדבר עמהם כמו שהוא מדבר עם היחיד, וכל כך למה אלא בשביל האהבה שהוא אוהב אותם ובשביל השמחה שהוא משמח בהם לכן הוא מדבר עמהם בלשון יחיד ובלשון רבים. לפיכך הייתי אומר שכל אחד ואחד מישראל חייב לומר מתי יגיעו מעשי למעשה אבותי אברהם יצחק ויעקב. (תנא דבי אליהו רבה פרק כה)

בינו שנות דור ודור, אין לך דור שאין בו מאנשי דור המבול, ואין לך דור שאין בו מאנשי דור ההפלגה וכאנשי סדום, אלא שנדון כל אחד ואחד לפי מעשיו. (ספרי האזינו שי)

ויאמר אברהם אברהם, תני ר' חייא לשון חיבה, לשון זירוז. ראב"י אמר לו ולדורות, אין דור שאין בו כאברהם, ואין דור שאין בו כיעקב, ואין דור שאין בו כמשה, ואין דור שאין בו כשמואל. (בראשית רבה פרשה נו ט)

...כשהיה המלך עובר רואה כל השבח הזה, אמר כל השבח הזה בפתח הפרדס, בפרדס כולו על אחת כמה וכמה, כך בדורות הראשונים אנשי כנסת הגדולה הלל ושמאי ורבן גמליאל הזקן, בדורות האחרונים ר' יוחנן בן זכאי ור"א ור' יהושע ור' מאיר ור' עקיבא ותלמידיהן על אחת כמה וכמה, ועליהם הוא אומר חדשים גם ישנים דודי צפנתי לך. (מדרש רבה שיר השירים פרשה ז יח)